## אַ וויעגליעד / דוד אײַנהאָרן

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
שלאָף, מײַן טײַערער, אין רו;
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלעס, קאָן מען נאָך געפֿינען,
אַלעס קריגט מען דאָך פֿאַר געלד;
נאָר אַ מאַמע — זי איז איינע,
מעהר נישט איינע אויף דער וועלט.

דאָס איז דאָך אַ גאָטס מתּנה,
ועמען עס איז נור בעשערט.
ועה איז דעם, וואָס האָט קיין מאַמע
אויף דער גרויסער וויסטער ערד!...

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
ווי דער צער זאָל זײַן נישט גרויס,
תּמיד קאָן מען איהם פֿערוויגען
אין דער מאַמעס שטילען שויס.

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
ווי די זינד זאָל זײַן נישט שווער,
אָבוואַשן וועט תּמיד קענען
זי דער מאַמעס ריינע טרעהר.

שלאָף, מײַן טײַערער, מײַן ליעבער,
מאַך די אויגן צו און רוה!...
וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען;
אַליע־ליוליע־ליוליע־ליו!...

ווילנע, 1910
(פֿון *מײַנע ליעדער*)

## שִׁיר עֶרֶשׂ / דוד איינהורן

עברית: ישׂראלה בקר

אַי־לִי־לוּ־לִי, אַי־לִי־לוּ־לִי —
שַׁן, יַלְדִּי, בְּשֶׁקֶט. שָׁא.
טוֹב לְמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אִמָּא,
טוֹב שֶׁיֵּשׁ גַּם עֲרִיסָה.

עוֹד וָעוֹד מִכָּל דָּבָר יֵשׁ,
אֶת הַכֹּל אֶפְשָׁר לִקְנוֹת;
אֲבָל אִמָּא — רַק אַחַת יֵשׁ
בָּעוֹלָם. אַחַת. אֵין עוֹד.

זוֹ הֲרֵי מַתְּנַת שָׁמַיִם,
אֱלֹהִים אוֹתָהּ שָׁלַח.
אוֹי לְמִי שֶׁאֵין לוֹ אִמָּא
בְּעוֹלָם שׁוֹמֵם כָּל־כָּךְ!...

אַי־לִי־לוּ־לִי, אַי־לִי־לוּ־לִי —
אִם לִבְּךָ כָּבֵד, דּוֹאֵב,
בְּשַׁלְוַת חֵיקָהּ שֶׁל אִמָּא
יִתְפּוֹגֵג לוֹ הַכְּאֵב.

אַי־לִי־לוּ־לִי, אַי־לִי־לוּ־לִי —
אִם חָטָאתָ חֵטְא אָיֹם,
טֹהַר דִּמְעָתָהּ שֶׁל אִמָּא
אֶת הַחֵטְא יִמְחֶה עַד תֹּם.

שַׁן, עֲצֹם אֶת הָעֵינַיִם,
הֵרָגַע, יַלְדִּי שֶׁלִּי!...
טוֹב לְמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אִמָּא;
אַי־לִי־לוּ־לִי־אַי־לוּ־־לִי!...

תל־אביב, פברואר 2026

זהו תרגום אקווי־ריתמי המתאים ללחן עממי: https://www.youtube.com/watch?v=TAG5uCVglNc